בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון צ"ח

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת תצוה - זכור
שנת תשפ"ה


## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### פּוּרִים זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם ה' בֵּרַכְנוּכֶם מִבֵּית ה'.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיךְ קֶען רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּ דִי טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים אוּן דִי טֵייעֶרֶע מְחַנְּכִים, אוּן אִיךְ הָאף אַז מֶען וֶועט אוֹיךְ גֶעבְּן צוּ הֶערְן דֶעם שִׁיעוּר פַאר דִי לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵיגָא, וַוייל אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מִיט מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער דַארְפְן אַסַאךְ חִיזּוּק.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט פַאר דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן פּוּרִים. פּוּרִים זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד; נִישְׁט קַיין חִילוּק צְוִוישְׁן אַ מְלַמֵּד וָואס זִיצְט מִיט פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער אָדֶער אַ מְלַמֵּד וָואס זִיצְט מִיט עֶלְטֶערֶע בִּיז צוּ דִי חֲתוּנָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (אֶסְתֵּר רַבָּה, פֶּרֶק ט, סִימָן ד) וֶוען מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק הָאט גֶעזֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ גְזֵירָה אוֹיף דִי אִידְן, הָמָן ווִיל אוֹיסְ'הַרְגְ'עֶנֶען דִי אִידְן, הָאט עֶר צַאמְגֶענוּמֶען צְוֵויי אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט קִינְדֶער, עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט מִיט זֵיי, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, גֶעזִינְגֶען תְּהִלִּים אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי קִינְדֶער, זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד, וַוייל מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע אִין דִי סַנְהֶדְרִין, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שְׁקָלִים ה, א) אַז מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'פְּתַחְיָה', וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מֶענְטְשְׁן אִין דִי סַנְהֶדְרִין אוּן עֶר הָאט גֶעקֶענְט אַלֶע שְׁפְּרַאכְן, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט אִים גֶעפַּאסְט צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער.

### נֶעם דִי קִינְדֶער אוּן זַיי מִתְפַּלֵּל מִיט זֵיי

אִין אָנְהֵייבּ וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסָד, הָאבְּן מִיר זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט גֶעלְט, מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאצָאלְן דִי מְלַמְּדִים. דֶער גַאנְצֶער סְכוּם וָואס מִיר הָאבְּן גֶעדַארְפְט שַׁאפְן פַארְן ווִינְטֶער, פוּן חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן בִּיז פֶּסַח, אִיז גֶעוֶוען 'פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער', דָאס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען דֶער גַאנְצֶער בּוּדְזְשֶׁעט, אָבֶער עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט ווִי מֶען קֶען עֶס נִישְׁט בַּאצָאלְן. [גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז הַיינְט הָאבְּן מִיר פִיל אַ הֶעכֶערֶע בּוּדְזְשֶׁעט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מִיר קֶענֶען בַּאצָאלְן, אוּן מִיר בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן זַיינֶע חֲסָדִים, מִיר זָאלְן וַוייטֶער הָאבְּן דִי כֹּחַ צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע מְלַמְּדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע].

אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי חוֹבוֹת, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אִיךְ דַארְף אַ יְשׁוּעָה, אִיךְ דַארְף אַ נֵס, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל אוֹיךְ טוּן דִי עֵצָה וָואס מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק הָאט גֶעטוּן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: **"וָואס אִיז דַיין פְּרָאבְּלֶעם? דוּ הָאסְט דָאךְ דִי קִינְדֶער אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, נֶעם דִי קִינְדֶער אוּן זַיי מִתְפַּלֵּל מִיט זֵיי!"** שְׁפֶּעטֶער הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁרִיבְּן אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה אִין אִידִישׁ וָואס אִיךְ זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### מֶעג מֶען לֶערְנֶען 'שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן' בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער דַאוֶונֶען?

מְלַמְּדִים פְרֶעגְן מִיר אַסַאךְ מָאל, הֱיוֹת זֵיי הָאבְּן דָאךְ שׁוֹין גֶעדַאוֶוענְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אֶפְשָׁר קֶענֶען זֵיי בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער דַאוֶונֶען עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע זַאכְן, ווִי לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן וְכַדוֹמֶה?

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: מֶען קֶען אֶפְשָׁר זָאגְן 'עַל פִּי הֲלָכָה' אַז אַ מְלַמֵּד מֶעג לֶערְנֶען פַאר זִיךְ בִּשְׁעַת דִי קִינְדֶער דַאוֶונֶען, אָבֶער 'אַ גוּטֶער מְלַמֵּד ווִיל דָאס נִישְׁט טוּן'!

אַ גוּטֶער מְלַמֵּד דַאוֶונְט מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא נָאכְאַמָאל אִיבֶּער צוּ זָאגְן 'מִזְמוֹר לְתוֹדָה', אוּן 'שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד', אַ גוּטֶער מְלַמֵּד לֵייגְט אַרַיין זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אוּן הַארְץ אִין דִי קִינְדֶער, עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם דַאוֶונֶען, דִי קִינְדֶער זָאלְן דַאוֶונֶען מִיט אַ חַיּוּת, נִישְׁט סִיסְטֶעמַאטִישׁ.

### עֶס זָאל מִיטְגֵיין פַאר זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר פְרִיעֶר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל מַסְבִּיר זַיין בַּיים שִׁיעוּר, וָואס מֶען מֵיינְט מִיט דֶעם אַז דִי חֵדֶר זָאל נִישְׁט וֶוערְן סִיסְטֶעמַאטִישׁ; בֶּאֱמֶת פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶע הֶסְבֵּרִים מֶען דַארְף דָא הָאבְּן. מֶען דַארְף אַ מְלַמֵּד מִיט הַארְץ, מִיט מֹחַ אוּן גֶעפִיל, אַ מְלַמֵּד וָואס וֵוייסְט אַז דִי דַאוֶונֶען וָואס אִיךְ גֵיי הַיינְט דַאוֶונֶען מִיט דִי קִינְדֶער, גֵייעֶן זֵיי גֶעדֶענְקֶען זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן! אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית, דָאס קוּשְׁן דִי הֵיילִיגֶע מְזוּזָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, גֵייעֶן זֵיי גֶעדֶענְקֶען זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן!

אַ מְלַמֵּד דַארְף גֶעדֶענְקֶען: דִי קִינְדֶער גֵייעֶן נִישְׁט בְּלַייבְּן אַזוֹי רוּאִיג זִיצְן אִין חֵדֶר, נָאךְ אַבִּיסְל נֶעמְט מֶען דֶעם גַאנְצְן עוֹלָם, מֶען שְׁמַייסְט זֵיי אַרַיין אִין אַרְבֶּעט צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, מֶען וֶוערְט אַזוֹי פַארְנוּמֶען, קוֹים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט נָאךְ אַז מֶען אִיז אַ אִיד... אָבֶער אוֹיבּ הָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן גֶעהַאט אַ גוּטֶער מְלַמֵּד וָואס הָאט גוּט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אִים אַז דַאוֶונֶען, מַאכְן בְּרָכוֹת, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אֱמוּנָה אוּן אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל

זַיין בַּיי אַ חֵלֶק פוּן לֶעבְּן, - וֶועט עֶס מִיטְגֵיין מִיט אִים וואוּ דוּ וֶועסְט אִים לֵייגְן.

## רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דִי יָמִים טוֹבִים

אַ אִיד הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי רֶבִּי נָתָן רֶעדְט פוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַ פְּרֶעג: **"רֶבִּי נָתָן, וִוי נֶעמְט מֶען אַזַא הַארְץ? וִוי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אַזַא הַארְץ וָואס דוּ הָאסְט?"** זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: **"דוּ הָאסְט דִי זֶעלְבֶּע הַארְץ וִוי מִיר, דוּ דַארְפְסְט עֶס נָאר 'בַּאהַארְצְן'!"** - וִויל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן טֵייעֶרֶע מְלַמְדִים: עֶס קוּמֶען יֶעצְט הֵיילִיגֶע יָמִים טוֹבִים, דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים, דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח; מֶען מוּז רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דִי יָמִים טוֹבִים, מֶען מוּז אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט פַאר דֶעם; מֶען דַארְף עֶס בַּא'יוֹם-טוֹב'ן בַּא'פּוּרִים'עֶן, בַּא'פֶּסַחְ'ן...

וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן דִי צַדִיקִים? וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי נְקוּדָה פוּן דִי צַדִיקִים? זֵייעֶר נְקוּדָה אִיז גֶעוֶוען אַרַיינְצוּלֵייגְן אַ חַיוּת אִין דִי מִצְוֹת; מֶען קֶען מַאכְן אַז פּוּרִים זָאל זַיין וִוי אַ גֶעהֶערִיגֶע וָואכְן טָאג, מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, מֶען דַאוֶוענְט אוּן מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה, מֶען גֶעבְּט מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אוּן מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים אוּן שׁוֹין... אָבֶּער דִי צַדִיקִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן גֶעמַאכְט אַ גַאנְצֶע מַצָּב פוּן דֶעם יוֹם טוֹב, זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זֵייעֶרֶע חֲסִידִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ, אוּן וֶוען מִיר טוּעֶן מִצְוֹת וֶוערְט אַ שִׂמְחָה אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, אוּן דֶער יוֹם טוֹב אִיז נִישְׁט נָאר אֵיין טָאג, עֶס רִינְט אִיבֶּער צוּ נָאךְ טֶעג, מֶען זָאגְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן פוּן י"א אֲדָר!

דָאס דַארְפְן דִי מְלַמְדִים טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ חַיוּת צוּ דִי יָמִים טוֹבִים, 'שְׁלוֹשִׁים יוֹם קוֹדֶם הֶחָג' דַארְף מֶען שׁוֹין רֶעדְן פוּן פּוּרִים, אוּן גְלַייךְ מוֹצָאֵי פּוּרִים הֵייבְּט מֶען שׁוֹין אָן צוּ פֶּרֶעגְלֶען אִין דִי קִינְדֶער פוּן דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

## אָנְהֵייבּ יָאר דַארְף מֶען אַוֶועקְשְׁטֶעלְן 'דֶרֶךְ אֶרֶץ'

יֶעצְט וִויל אִיךְ רֶעדְן פוּן אַ נְקוּדָה וָואס בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט יֶעצְט דִי צַייט צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, גֶעוֶוענְלִיךְ רֶעדְט מֶען פוּן דֶעם אָנְהֵייבּ יָאר, אָבֶּער אַז אִיךְ הֶער צוּרִיק פוּן מְלַמְדִים אוּן דִי מְנַהֶלֶת פוּן בֵּית פֵּיגָא שְׁרַייבְּט מִיר אוֹיךְ פוּן עֶטְלִיכֶע לֶערֶערִינְס, וִוי מֶען קְרֶעכְצְט אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִין כִּתָּה, דַארְף אִיךְ נָאכְאַמָאל רֶעדְן פוּן דֶעם.

אַ מְלַמֵּד אִיז מִיר גֶעקוּמֶען זָאגְן אַז עֶס אִיז אוֹיס כִּתָּה, עֶר קֶען נִישְׁט מֶער אַרַיינְגֵיין אִין כִּתָּה, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּקוּקְן אִין דִי זַאךְ וָואס גֵייט פָאר אִין זַיין כִּתָּה, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעזָאגְט אָנְהֵייבּ יָאר אַז עֶר אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיבּ מֶען רֶעדְט אַרַיין וֶוען עֶר לֶערְנְט פָאר, אוֹיךְ לָאזְט עֶר דִי קִינְדֶער אַרוֹיסְגֵיין אוּן אַרַיינְגֵיין וֶוען מֶען וִויל, אוּן יֶעצְט הַאלְט עֶס בַּיי דֶעם אַז דִי קִינְדֶער בַּאגְלֵייטְן אִים אַרוֹיס פוּן כִּתָּה אוּן מֶען זִינְגְט: **"וַיְהִי בִישֻׁרוּן מֶלֶךְ בְּהִתְאַסֵּף רָאשֵׁי עָם"...**

וָואס מֵיינְט דָאס אַז אַ מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד, עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אָן, אַז מֶען רֶעדְט אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען?! עֶס בְּלַייבְּט נִישְׁט שְׁטֵיין בַּיי דֶעם, מִיט דִי צַייט וֶוערְט עֶס עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער, אוּן וֶוען עֶס וֶוערְט שׁוֹין גֶעפֶערְלִיךְ רוּפְט מֶען מִיךְ אַרַיין צוּ גֶעבְּן פֶּעטְשׁ, אָבֶּער פַארְוָואס זָאל אִיךְ גֶעבְּן פֶּעטְשׁ פַאר דִי קִינְדֶער בְּשַׁעַת עֶס קוּמְט זִיךְ פֶּעטְשׁ פַארְן מְלַמֵּד וָואס הָאט אַזוֹי אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס יָאר!

אִיךְ קֶען נִישְׁט יֶעדְן טָאג אַרַיינְקוּמֶען גֶעבְּן פֶּעטְשׁ פַאר קִינְדֶער, אַמָאל אַמָאל אַז עֶס מַאכְט זִיךְ, עֶס הָאט פַּאסִירְט אַן אוֹיסְנַאם, קֶען אִיךְ אַמָאל גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ, אָבֶּער אַז אִיךְ דַארְף אַרַיינְקוּמֶען טָאג נָאךְ טָאג גֶעבְּן פֶּעטְשׁ, אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז אַ פוֹילֶער, דֶער מְלַמֵּד הַאלְט נִישְׁט בַּיים אַרְבֶּעטְן.

## חוֹדֶשׁ אֲדָר דַארְף מֶען זַיין מֶער הֵיימִישׁ צוּ דִי קִינְדֶער

אַז מֶען הַאלְט יֶעצְט 'חוֹדֶשׁ אֲדָר' אוּן עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא קַיין כִּתָּה, דֶער מְלַמֵּד קֶען נִישְׁט רֶעדְן, מֶען הַאקְט אִים אִיבֶּער יֶעדֶע מִינוּט, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן... עֶס וִויל זִיךְ מִיר אַרוֹיסְזָאגְן פוּן מוֹיל דִי וֶוערְטֶער: **"אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בִּיז יֶעצְט אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה - אִיז דֶער מְלַמֵּד נִישְׁט קַיין מְלַמֵּד, עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט, מֶען קֶען אוֹיפְנֶעמֶען אַ צְוֵוייטְן פַאר מְלַמֵּד"**! מֶען קֶען מִיר נִישְׁט פַארְקוֹיפְן אַז דֶער סִיבָּה אִיז וַוייל 'דִי קִינְדֶער זֶענֶען מְחוּצָפִים', מִיר קוּקְט אוֹיס אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז פוֹיל אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג וֶוען עֶר זֶעט אַ אִינְגְל רֶעדְן אִינְמִיטְן כִּתָּה.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז יֶעצְט וֶוען מֶען שְׁטֵייט פַאר דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים, וֶוען מֶען דַארְף שׁוֹין זַיין אַבִּיסְל מֶער הֵיימִישׁ מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף שׁוֹין אַבִּיסְל טַאנְצְן מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין קֶענֶען אָנְטוּן דִי 'פּוּרִים הוּט' אוּן נָאכְדֶעם זִיךְ צוּרִיק אָנְטוּן דִי גֶעהֶערִיגֶע הוּט אוּן דִי כִּתָּה זָאל וַוייטֶער פָארְן גוּט, - אוּן מֶען הַאלְט נָאךְ בַּיי אַלֶף... חוֹדֶשׁ אֲדָר אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן אַוֶועקְשְׁטֶעלְן דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין כִּתָּה, דֶרֶךְ אֶרֶץ שְׁטֶעלְט מֶען אַוֶועק אָנְהֵייבּ יָאר!

## דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה

אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין אִיז נִישְׁט בַּארֶעכְטִיגְט צוּ זָאגְן: **"אִיךְ בִּין נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיבּ מֶען רֶעדְט בַּיי מַיין פָארְלֶערְנֶען"**, אִיךְ בִּין מַקְפִּיד בַּיי מִיר אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אִין בֵּית פֵּיגָא אַז עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ! אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' - אִיז נִישְׁטָא קַיין כִּתָּה אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין תּוֹרָה!

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק א): "דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה"; וֶוען אַ מְלַמֵּד אָדֶער אַ לֶערֶערִין לֶערְנְט פָאר, אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אֵיינֶער זָאל זִיךְ עֶפֶּענֶען דָאס מוֹיל! דָאס מוּז מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער. אִיךְ גֵיי יֶעצְט טַאקֶע נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן דֶעם קִינְד וָואס רֶעדְט אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען, אָבֶּער מֶען דַארְף זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג: **"מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶוען אַ רֶבִּי לֶערְנְט פָאר! מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִינְמִיטְן כִּתָּה! מֶען קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי כִּתָּה! אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן אַנְדֶערְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט!"**

## 'תְּשׁוּבָה' אוֹיף קוּמֶען שְׁפֶּעט צוּ דִי קִינְדֶער

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר פָארִיגֶע וָואךְ גֶעשְׁרִיבְּן אַ פְרַאגֶע: **"וִוי אַזוֹי מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן פַארְן קוּמֶען שְׁפֶּעט אָדֶער פַארְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי קִינְדֶער אִינְמִיטְן טָאג?"**

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם! אַדְרַבָּה, פְרֶעג אַן עֶרְלִיכֶער רָב וִוי אַזוֹי מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם; אִיךְ מֵיין אַז מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם. אוּן עֶס קֶען זַיין אַז דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן טַאקֶע אִינְאֵיינֶעם, דֶער זֶעלְבֶּער מְלַמֵּד וָואס קוּמְט אַלְץ אָן שְׁפֶּעט - דֶער קֶען אוֹיךְ נִישְׁט הַאלְטְן זַיין כִּתָּה, וַוייל וִוי אַזוֹי זָאל עֶר מַצְלִיחַ אִין כִּתָּה וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, עֶר קוּמְט צוּ לוֹיפְן אִין חֵדֶר שְׁפֶּעט, אוּן עֶר וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר הֵייסְט, אוּן תְּפִילִין גֵייט עֶר לֵייגְן זִיבֶּענֶע נָאכְמִיטָאג... - וָואס מֵיינְט דָאס קוּמֶען שְׁפֶּעט אִין חֵדֶר?! דָאס הֵייסְט אַ מְלַמֵּד?!

טוּ מִיר אַ טוֹבָה, גֵיי אַרַיין אִין אָפִיס אוּן גֶעבּ צוּרִיק דִי שְׁלִיסְלֶעךְ, גֵיי אַרְבֶּעט אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, דָאס הֵייסְט נִישְׁט קַיין מְלַמֵּד!

### פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַ מְלַמֵּד?

עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט בַּא'טַעֲמְ'ט צוּ הֶערְן מוּסָר, עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ הֶערְן חִיזוּק, אָבֶּער אַז מֶען הַאלְט יֶעצְט חוֹדֶשׁ אֲדָר אוּן עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן...

אַסַאךְ מָאל קוּק אִיךְ אַרַיין אִין כִּיתּוֹת דוּרְךְ דִי קֶעמֶערֶעס אוּן אִיךְ זֶע וִוי דֶער קִינְד הַאלְט דִי פִּיס אִין דִי הֵייעֶךְ, אַ צְוֵוייטֶער זֶע אִיךְ וִוי זַיינֶע שִׁיךְ פְלִיט אַרוּם... - אִיךְ וֵוייס שׁוֹין נִישְׁט וואוּ אִיךְ בִּין אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אִיךְ רֶעד שׁוֹין נִישְׁט פוּן דֶעם אַז דִי גַאנְצֶע כִּתָּה אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, זַאכְן פְלִיעֶן אַרוּם, דִי טִישְׁן זֶענֶען נִישְׁט גְרָאד אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיפְגֶעקֶערְט, דָאס אִיז שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, דָאס קֶען זַיין אַז עֶס אִיז אַ נַאטוּר וָואס דֶער מְלַמֵּד הָאט אַז עֶר אִיז נִישְׁט אַזוֹי מְסוּדָר'דִיג, אוּן אִיךְ בִּין צוּ שְׁטַארְק מְסוּדָר, אָבֶּער דָאס אַז דֶער קִינְד זִיצְט אוֹיפְן טִישׁ, אוּן דֶער קִינְד הַאלְט זַיין פִינְגֶער אִין דִי נָאז, אוּן דֶער קִינְד שִׁיסְט זַיינֶע שִׁיךְ, וָואס אִיז דָאס?! דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין כִּתָּה!

עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דֶער מְלַמֵּד אִיז דָארְט 'מֵהֵיכִי תֵּיתֵי', עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד נָאר וַוייל מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ הַאק אוֹיפְ'ן קָאפּ אוּן גֶעזָאגְט: **"זַיי אַ מְלַמֵּד"**... אִיךְ וָואלְט נִישְׁט אַזוֹי גֶעפִירְט אַ כִּתָּה.

טְרַאכְט אַרַיין: פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַ מְלַמֵּד? אִיךְ הָאבּ אַ גֶעפִיל צוּ דֶעם אָדֶער אִיךְ וָואלְט שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין אַ מְלַמֵּד, נָאר יֶעצְט שֶׁעם אִיךְ זִיךְ שׁוֹין עֶס אוֹיפְצוּגֶעבְּן...

### דוּ בִּיסְט צוּפְרִידְן פוּן דִיךְ?

אִיךְ וִויל מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים, אוּן אִיךְ זָאג עֶנְק מִיט אַן אֱמֶת 'אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן עֶנְק', אִיךְ וִויל אָבֶּער וִויסְן צִי דוּ אַלֵיין בִּיסְט צוּפְרִידְן פוּן דִיךְ?

דוּ הָאסְט דָאךְ טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, טֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת, בַּיי דִיר אִין כִּתָּה. וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִיר? וֶוען שְׁטֵייסְטוּ אוֹיף? וֶוען קוּמְסְטוּ אִין חֵדֶר? וֶועם קֶענְסְטוּ אָפְּנַארְן? עֶלְטֶערְן וֵוייסְן דָאס אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז נִישְׁטָא מִיט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ אִין חֵדֶר, אִיךְ הֶער עֶס פוּן עֶלְטֶערְן וָואס זָאגְן מִיר: **"דִי יָאר אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט, מַיין קִינְד דַארְף דָאס דוּרְכְגֵיין, עֶר דַארְף עֶס אַדוּרְךְ שְׁטוּפְּן, נָאכְדֶעם וֶועט אַלֶעס בֶּעסֶער וֶוערְן"**.

וֶוער עֶס וִויל נִישְׁט זַיין מְלַמֵּד - מוּז נִישְׁט, אִיךְ זָאג עֶס בֶּאֱמֶת, אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיבּ מֶען זָאגְט זִיךְ אָפּ פוּן מְלוּמְדוּת, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ וֶועל טְרֶעפְן אַ נֵייעֶר מְלַמֵּד.

### זִיךְ אָנְגְרֵייטְן וָואס צוּ זָאגְן פוּן פּוּרִים

טֵייעֶרֶע טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, גְרֵייטְס זִיךְ אָן וָואס צוּ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער וֶועגְן פּוּרִים. אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר הֶערְט אוֹיס דִי נַארִישֶׁע פּוּרִים'דִיגֶע אִינְטֶערְוְויוּ'ס אוֹיף קוֹל מְבַשֵּׂר, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: וָואס מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ - דָאס גֶעבְּט מֶען אַרוֹיס; אַז דוּ הֶערְסְט זִיךְ אָן מִיט שְׁטוּתִים אוּן נַארִישְׁקֵייטְן וָואס גֵייסְטוּ נָאכְדֶעם אִיבֶּערְזָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער?

גְרֵייט זִיךְ אָן וָואס דוּ גֵייסְט מָארְגְן טוּן אִין חֵדֶר מִיט דִי קִינְדֶער, וָואס דוּ גֵייסְט זֵיי זָאגְן פוּן פּוּרִים. מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט, אוּן אִיבֶּערְזָאגְן וָואס מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶעהֶערְט אוֹיף דִי נֵייעֶס.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיךְ הָאף נָאר אַז דוּ בִּיסְט אוֹיךְ צוּפְרִידְן פוּן דִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה, אָמֵן.

## בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### אַרוֹיסְוַוייזְן הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דִי מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְכוֹת פוּן דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין וֵוייניגֶער וִוי אַ וָואךְ צוּ פּוּרִים, דַארְפְן מִיר זִיךְ אָנְגְרֵייטְן צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן בֶּעפָאר יֶעדֶע יוֹם טוֹב, אַז פוּנְקְט וִוי אַ בַּעַל הַבַּיִת גֶעט פַאר זַיינֶע אַרְבֶּעטֶער אַ בָּאנוּס לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, אַזוֹי דַארְפְן מִיר נֶעמֶען נָאךְ אַ שִׁיעוּר לְכָבוֹד יוֹם טוֹב אַלְס אַ בָּאנוּס; פַאר פּוּרִים אִיז כְּדֵי צוּ לֶערְנֶען מַסֶּכֶת מְגִילָה, פַאר פֶּסַח מַסֶּכֶת פְּסָחִים אוּן אַזוֹי יֶעדֶע יוֹם טוֹב. עֶס אִיז אַן אַנְדֶערֶע יוֹם טוֹב וֶוען מֶען לֶערְנְט פוּנֶעם יוֹם טוֹב, בִּפְרַט וֶוען מִיר גֵייעֶן הֶערְן לֵיינֶען דִי הֵיילִיגֶע מְגִילָה אוּן אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט בֶּעפָאר דֶעם דִי גְמָרָא אוּן מֶדְרָשׁ, אִיז עֶס אַן אַנְדֶערֶע מְגִילָה.

פַארְגֶעס נִישְׁט פוּן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֶע צוּ גֶעבְּן אַ טִיפּ פַאר זֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, טִיטְשֶׁערְס אוּן בָּאס דְרַייוֶוערְס. קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן גֶעבְּן כְּסֵדֶר טִיפְּס פַאר אַלֶע וָואס טוּעֶן מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, בִּפְרַט פּוּרִים אוּן חֲנוּכָּה; וַוייל וֶוען דֶער מְלַמֵּד אָדֶער טִיטְשֶׁער זֶעט אַז מֶען שֶׁעצְט אוּן מֶען אַנֶערְקֶענְט זֵייעֶר אַרְבֶּעט, אַרְבֶּעטְן זֵיי מֶער מִיט הַארְץ.

עֶלְטֶערְן וָואלְטְן וֶוען גֶעדַארְפְט גֶעבְּן יֶעדְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אַ טִיפּ פַארְ'ן מְלַמֵּד, וַוייל וֶוען אַ מְלַמֵּד זֶעט אַז דִי עֶלְטֶערְן אִינְטֶערֶעסִירְן זִיךְ אוֹיפְ'ן קִינְד גֶעבְּט דֶער מְלַמֵּד מֶער אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם קִינְד. אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען אַ מְלַמֵּד זֶעט אַז דֶער טַאטֶע מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג אַ גַאנְץ יָאר פוּנֶעם קִינְד, אִיז עֶר אוֹיךְ מְזַלְזֵל אִינֶעם קִינְד.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד יָארְן צוּרִיק אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק דִי הַרְגָּשָׁה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט אַ קִינְד אוּן דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט אַ גַאנְץ יָאר פוּן מִיר; אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעדַארְפְט דֶעם טִיפּ, עֶס הָאט מִיר נָאר גֶעאַרְט 'וואוּ אִיז דִי הַכָּרַת הַטּוֹב; אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט דַיין קִינְד, אִיךְ לֵייג אַרַיין אִין אִים מַיין הַארְץ אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר נִישְׁט קַיין כִּי הוּא זֶה?!' דֶערְפַאר אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ צוּ שִׁיקְן מִיט דַיין קִינְד כְּסֵדֶר 'מִצְוָה צֶעטְלֶעךְ' אוּן צוּשְׁרַייבְּן אַפָּאר וַוארִימֶע וֶוערְטֶער פַארְ'ן מְלַמֵּד. דִי פָּאר וֶוערְטֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן שְׁרַייבְּן אִיז חָשׁוּבְ'עֶר וִוי דֶער גְרֶעסְטֶער טִיפּ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֵייגְט אַרַיין זַיין בְּלוּט אוּן שְׁוֵוייס פַאר אַ צְוֵוייטְן אוּן יֶענֶער אִיז דָאס מַכִּיר - אִיז דָאס זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק אוּן אַז נִישְׁט טוּט עֶס זֵייעֶר וֵויי.

מַאךְ זִיךְ אַ פָּשׁוּט'עֶר חֶשְׁבּוֹן: דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד דִי פָּאר שָׁעָה דוּרְכְאוֹיס שַׁבָּת צוּ זִיצְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אָדֶער וֶוען דַיין וַוייבּ בֶּעט דִיר אַז דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וַוייל זִי דַארְף אַרוֹיסְגֵיין וְכוּ', דֶעמָאלְט וֶוערְסְטוּ אַזוֹי נֶערְוֶועז, אוּן דָא זִיצְט אַ מְלַמֵּד

אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דַיין קִינְד אוּן עֶר וֶוערְט נֶערְוֶועז, נִישְׁט נָאר מִיט אֵיין קִינְד נָאר מִיט אַ גַאנְצֶע כִּתָּה. וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן שְׁלָאגְן אוּן אַוֶועק שְׁטוּפְּן; וֶוען דוּ רֶעגְסְט זִיךְ אוֹיף שְׁלָאגְסְטוּ דַיין קִינְד אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט מוֹרָא אַז אֵיינֶער וֶועט דִיר פָארְהַאלְטְן וְכוּ', אָבֶער דֶער מְלַמֵּד שְׁלָאגְט נִישְׁט, עַל כָּל פָּנִים דָא בַּיי אוּנְז שְׁלָאגְן נִישְׁט דִי מְלַמְּדִים, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט", אוּן וֶוען דֶער מְלַמֵּד שְׁפִּירְט אַז דֶער קִינְד נֶערְוִוירְט אִים קֶען עֶר גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נָאכְאַמָאל וַוייזְן אַ שְׁמֵייכְל.

הַלְוַאי זָאלְן עֶלְטֶערְן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אוּן הֶעלְפְן דִי מְלַמְּדִים מֶען זָאל זֵיי קֶענֶען בַּאצָאלְן צַייטְלִיךְ אוּן מֶען זָאל זֵיי קֶענֶען הֶעכֶערְן דִי גֶעהַאלְט, כְּדֵי דֶער מְלַמֵּד זָאל הָאבְן אַבִּיסְל הַרְחָבַת הַדַּעַת, עֶר זָאל זַיין רוּאִיג אִין כִּתָּה מִיט דִי קִינְדֶער אוּן נִישְׁט הָאבְן קַיין דַאֲגָה אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַיינְקוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז נִישְׁט דָא אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מֶען לֵיינְט אִין דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ, אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְן נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן, אִיךְ זָאג דִיר אַז הַיינְט זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְן נִישְׁט דִי פָּאר דָאלֶער צוּ אַיינְקוֹיפְן פַאר שַׁבָּת.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מִיר זֶענֶען דוּרְךְ דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר יָאר; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין פְּרוּטָה צוּ צָאלְן פַאר דִי מְלַמְּדִים אוּן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת פְלֶעגְן זֵיי קוּמֶען אִין אָפִיס מִיר גְרִיסְן גוּט שַׁבָּת, זֵיי הָאבְן גֶעוִויסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אֵיין דָאלֶער אִין דִי יְשִׁיבָה קַאסֶע, נָאר אַזוֹי וִוי מִיר הָאבְן זֵייעֶר עֶרְלִיכֶע אוּן אֵיידֶעלֶע מְלַמְּדִים הָאבְן זֵיי נִישְׁט גֶעבֶּעטְן קַיין גֶעלְט פוּן מִיר, אָבֶער וֶוען זֵיי פְלֶעגְן מִיר קוּמֶען גְרִיסְן 'גוּט שַׁבָּת' פְלֶעג אִיךְ רוֹיט וֶוערְן פַאר בּוּשָׁה יֶעדֶע וָואךְ. אִיךְ פְלֶעג מִיךְ בַּאהַאלְטְן פְרַייטָאג וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּקְן אִין פָּנִים פַאר בּוּשָׁה, אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זֵיי קֶענֶען בַּאצָאלְן.

דֶערְפַאר אַז מֶען שִׁיקְט אַ מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת פַאר דֶעם מְלַמֵּד אוּן פַאר דִי טִיטְשֶׁער, פַארְ'ן מְנַהֵל אוּן פַאר דִי מְנַהֶלֶת אוּן מֶען שִׁיקְט אַן הַכָּרַת הַטּוֹב בְּרִיוו מִיט אַ טִיפּ, אִיז אַ סִימָן אַז דִי עֶלְטֶערְן ווילְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ מַתָּנָה דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן אַז מִיר הָאבְן אַ פְּלַאץ וואוּ מִיר קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט; דִי קִינְדֶער קוּמֶען אִין חֵדֶר מִיט אַ שִׂמְחָה, מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אוּן מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער; מֶען רַייסְט נִישְׁט אוּנְטֶער אוּן מֶען טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט דִי קִינְדֶער.

שְׁטַארְק דִיךְ אוּן הָאבּ הַצְלָחָה.

...

(ספר איש יהודי, מכתב יט)

## מְחַזֵק זַיין דִי בָּחוּרִים צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פְּקוּדֵי, ג' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... שְׁלִיטָ"א, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

זַיי מְחַזֵק דִי בָּחוּרִים בַּיי דִיר אִין יְשִׁיבָה זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי יְשִׁיבָה; אַ גַאנְץ יָאר זָאלְן זַיין עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה, בִּפְרַט אִינֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים.

דִי בָּחוּרִים קֶענֶען זִיךְ צַאמְנֶעמֶען אוּן גֵיין אִין הַייזֶער, טַאנְצְן אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוּן בֶּעטְן צְדָקָה פַאר אוּנְזֶער יְשִׁיבָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֵיי מְחַזֵק זַיין זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיךְ הֶער פוּן מֶענְטְשְׁן אַז בָּחוּרִים גֵייעֶן נָאךְ גֶעלְט בַּיי אוּנְזֶער גְרָאסֶערִי צוּ קוֹיפְן פִּיצַא וְכוּ'. זָאג זֵיי עֶס אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע גֶעוואוֹינְהֵייט; סֵיי דָאס עֶסְן אִין גֶעשֶׁעפְט וֶוען עֶס אִיז דָא עֶסְן אִין יְשִׁיבָה, אוּן סֵיי דָאס בֶּעטְן גֶעלְט פוּן מֶענְטְשְׁן פַאר אִיבְּרִיגֶע זַאכְן.

וֶוער נִישְׁט מִיד אוּן שְׁוַואךְ וֶוען דוּ זֶעסְט אַז נָאכְן רֶעדְן פּוֹעֶלְ'ט מֶען נִישְׁט, גְלֵייבּ אַז דַיינֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי טֵייעֶרֶע הֶערְצֶער אוּן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט מִיט הַארְץ - וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען, נִכְנָסִין לַלֵּב.

דוּ רֶעד, אַז מֶען רֶעדְט - פּוֹעֶלְ'ט מֶען, אַמָאל גְלַייךְ אוּן אַמָאל נֶעמְט עֶס אַבִּיסְל צַייט.

רֶעד צוּ זֵיי פוּן אֱמוּנָה, פוּן תְּפִלָּה, פוּן קְדוּשַׁת הַיְסוֹד, אוּן אָפְּהִיטְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ אוּן פוּן מִדּוֹת טוֹבוֹת.

וֶוען דוּ וֶוערְסְט מִיד - זָאלְסְטוּ זִיךְ דֶערְמַאנֶען וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאט כֹּחַ צוּ אוּנְז, גֶערֶעדְט אוּן גֶערֶעדְט צוּ אוּנְז אוּן נִישְׁט גֶעוָוארְן מִיד.

אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר דַיינֶע תַּלְמִידִים צוּ מַאכְן אַ שַׁבָּת הִתְוַעֲדוּת מִיט זֵיי, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ גֵיין מִיט זֵיי אוֹיף אַ שַׁבָּת זֵיי מְחַזֵק זַיין, זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן מִיט דִי חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס בֶּעט פַאר דַיין הַצְלָחָה.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויקרא תשפ"ד)

**חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג**
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
**אויף קול ברסלב**
**דרוקט: 1-2-4-2**
- שמעו ותחי נפשכם -

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876